ב"ה

# וויאזוי מען דארף זיך פירן אין צייט פון קריאת התורה

אין שו"ע יורה דעה [רפ"ב ס"א] שרייבט דער הייליגער מחבר: א מענטש דארף אפגעבן גרויס כבוד פאר א ספר תורה, און עס איז א מצוה צו באשטימען פאר איר א באזונדער ארט, און אפגעבן כבוד פאר דעם ארט און עס באשיינען. ער זאל נישט שפייען אנטקעגן א ספר תורה וכו', און נישט זיצן צו איר מיטן רוקן, נאר אויב זי איז אויף אן ארט וואס איז העכער מיט צען טפחים – און ער זאל זיצן פאר די ספר תורה מיט ערנסטקייט, מיט פארכט און שרעק, ווייל די תורה איז דער פארטרויליכער עדות פאר אלע מענטשן אויף דער וועלט, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק: [דברים ל"א] "און די תורה זאל דארט זיין פאר דיר פאר אן עדות" – און ער זאל מכבד זיין די ספר תורה מיט אלע זיינע כוחות.

* * *

דער משנה ברורה שרייבט [תרפ"ט סקי"ח]: אלס די מצוה פון חינוך דארף יעדער טאטע האלטן די קינדער נעבן זיך ביים לייענען אכטונג געבן אויף זיי אז זיי זאלן אויסהערן דאס לייענען.

* * *

אין ספר כף החיים  אויף דעם וואס דער מחבר שרייבט [קמו ב] אז עס איז גלייך אז מען זאל ביי אלע פרשיות אינזין האבן און אויסהערן יעדע ווארט פון בעל קורא – שרייבט ער, אז עס איז גלייך אז מען זאל אויסהערן דאס לייענען פון א חומש. און דער מג"א ברענגט אויך אזוי אין נאמען פון של"ה הקדוש אז מען זאל אויסהערן דאס ליינען פון חומש.

* * *

אין ספר "סדר היום" שרייבט: ווען דער בעל קורא הייבט אן צו לייענען, זאלן די אויערן פון גאנצן ציבור זיין געווענדעט צו דער ספר תורה, און צו ענטפערן אמן אויף די ברכות. עס איז באקאנט פאר אלעמען אז די תוה"ק איז דער מקור פון אלע ברכות, און עס איז דער פרידן און לעבן פון אלע וועלטן, בכלליות ובפרטיות. און ווען איינער נייגט זיינע אויערן זיך איינצוהערן צו אירע רייד, און עס איינצוהאלטן, טוט ער דורכדעם נאנט ברענגען צו זיך אלע ברכות, לעבן, שלום און אלעס גוט'ס, און ער איז מכבד די תורה וועלכע איז די גלוסטונג פון השי"ת, און טוט דערמיט הייליגן דעם נאמען פון השי"ת.

* * *

און ווער עס איז זוכה אז מען זאל אים אויפרופן צו דער תורה איז זיין שכר פיל גרעסער, ווייל אזוי האבן די חכמים געזאגט, אז ווען מען לייענט פיר פסוקים פון דער תורה, האט א גרעסערן זכות ווי דער מענטש וואס מען האט אים געלייענט נאר דריי, ווייל אים האט מען געלייענט מיט א פסוק מער. (סדר היום)

* * *

נאך ווערט געברענגט אין ספר יסוד ושורש העבודה [שער השמיני פרק תשיעי] פאלגענד: איך האב דיר שוין דערמאנט אין שער החמישי פרק ה' דער גרויסן פליכט זיך איינצוהערן דאס לייענען פון בעל קורא. און דארט האבן מיר גערעדט פון לייענען די פרשה מאנטיג און דאנערשטיג, דעם געוואלדיגן ווארנונג וואס עס פאדערט זיך אז מען זאל זיך איינהערן מיט א פארכט און א ציטער, אזוי ווי ער וואלט יעצט ממש געשטאנען אונטערן בארג סיני ביי קבלת התורה, און דעם געוואלדיגן שכר וואס מען באקומט אויף דעם. און אויך פארקערט, דעם גרויסן שטראף, אויב מען טוט נישט אזוי. אויך די גרויסע מעלה פון בעל קורא, און פארקערט דעם גרויסן שטראף וואס עס קומט אים ל"ע אויב ער לייענט אין איילעניש און שלינגט איין ווערטער, וואס דאס איז א זאך וואס פארשטייט זיך אליין – אבער מען דארף נאך מער אנווארענען אויף די אלע זאכן, אזוי ווי מיר האבן שוין דארט געשריבן.

* * *

דער ביאור הלכה שרייבט [קמו, ב] פאלגענד: עס איז ריכטיג אז אן ערליכער איד זאל זיך ביי אלע פרשיות קאנצענטרירן און איינהערן צום בעל קורא. און דער גאנצער סעיף אין שולחן ערוך, איז א גרויסער מוסר פאר די מענטשן וועלכע זענען מפקיר זייערע נפשות און שמועסן אומנייטיגע רייד אין צייט פון לייענען.

מה-דאך אז אין די צייט וואס מען רופט אויף, צווישן איין מענטש און צווייטן – וואס אפילו די ספר תורה איז דעמאלט פארמאכט פונדעסטוועגן טאר מען דעמאלט נישט שמועסן מיטן חבר. און לויט פילע פוסקים טאר מען אפילו נישט רעדן פון לערנען, איז עס דאך זיכער אז דער איסור איז פיל גרעסער, ווען די ספר תורה איז אפן, וואס עס איז א גרויסער בזיון, אז ער נעמט אוועק זיינע אויערן פון זיך איינהערן צו די רייד פון השי"ת, און זיין זינד איז גרעסער פון עס קענען דערהייבן. ווייל אפילו ווען איינער גייט ארויס איינמיטן לייענען, איז געזאגט אויף אים דער פסוק "אז די וואס לאזן איבער השי"ת, וועלן [ל"ע] פארלענדעט ווערן" – אזוי ווי עס שטייט אין גמרא, איז עס דאך זיכער אזוי ווען ער שטייט אין ביהמ"ד, און ער וויל נישט נייגן זיינע אויערן צום לייענען. און ביי דעם טרעפט זיך פילע מאל אז עס איז חילול ה' אין דער עפנטליכקייט, וואס דער מענטש שטייט ביי דער מזרח וואנט פון ביהמ"ד, און יעדער זעהט זיין זינד, וואס עס איז דא דערביי א חשש אז ער איז עובר אויפן לאו, פון ולא תחללו את שם קדשי.

אויך זענען פיל מאל זיינע רייד אויסגעמישט מיט לשון הרע און רכילות פון אנפאנג ביז צום סוף. און ארויסער דעם, אויך דער איסור פון רעדן אומנייטיגע רייד אין ביהמ"ד, וואס דאס א באזונדער איסור פאר זיך, אזוי ווי עס שטייט ווייטער אין סימן קנ"א. זעה און בארעכן זיך, וויפיל איסורים דער מענטש איז עובר דערמיט. און אויך ווערט זיין תפילה פאראומווערדיגט ביי השי"ת, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק: ווער עס נעמט אוועק זיינע אויערן פון אויסהערן די תורה איז אויך זיין תפילה אומווערדיג.

וואויל איז דעם מענטש וועלכער גיט אפ כבוד פאר דער תורה, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק: השי"ת זאגט: די וועלכע זענען מיך מכבד, וועל איך זיי מכבד זיין.

* * *

דער עמדין שרייבט אין זיין סידור ביי די הלכות פון לייענען: מען טאר נישט רעדן, און אויך נישט ארויסגיין פון ביהמ"ד ווען די ספר תורה איז אפן. און ווער עס נעמט אוועק זיינע אויערן פון זיך איינהערן צום לייענען איז אויך זיין דאווענען אומווערדיג. ווייל ער פארשעמט די רייד פון השי"ת. עס וואלט פיל בעסער געווען ווען ער וואלט אומגעקומען נאך איידער ער איז געבוירן, און ער איז צווישן די וואס עס איז געזאגט אויף זיי אז ווער עס פארשוועכט די תורה, איז זיין גוף פארשוועכט ביי מענטשן, ווייל עס איז נישטא קיין גרעסערע פארשוועכונג פאר די תורה ווי דאס.

און אפילו לערנען טאר מען נישט אין דער צייט, ווייל עס איז נישט פארהאן קיין גרעסערע לערנען ווי דאס. און דער מענטש זאל נישט זאגן: די אלע זאכן וואס מען לייענט יעצט האב איך שוין געהערט און איך ווייס עס שוין און איך דארף נישט דערינען קיין שום נייעס. ווייל יעדע זאך אין דער תורה איז גרויס און פארבטיג. און די גאנצע תורה אנטהאלט די נעמען פון השי"ת. און אויף יעדן פינטל און יעדן שטרעכל פון דער תורה זענען אנגעהאנגען פילע בערג מיט הלכות און אגדות, באהאלטענע סודות, וואס די גאנצע וועלט און אלעס וואס געפינט זיך אויף דער וועלט זענען גארנישט געגען ווערד צו אנטהאלטן די אלע סודות, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק: אלעס האט אן ענדע, אבער די תורה איז זייער ברייט און אומענדליך, ווייל איר מאס איז לענגער ווי די וועלט און ברייטער ווי דער ים.